# האב אויערן און אויגן אויס קרבן! נעם קאנטראל אויף דיין לעבן!

## ס'איז אין דיין האנט

פערזענליך בין איך ווייט נישט קיין פרעמדער צו דער נושא, נאר גם אני בחלומי. ווי פילע יונגעלייט, האב איך זיך געדארפט לערנען דעם שווערן וועג וואס עס מיינט צו לעבן מיט א בודזשעט, און וויאזוי צו פירן די אייגענע פינאנצן אויף די ריכטיגע רעלסן.

כ'שעם מיך אויסצוזאגן, אבער געגוי פיר וואכן נאך מיין חתונה האב איך שוין געהאט אנגעזעצט מיין קרעדיט... כ'בין אוודאי נישט געווען שולדיג, אבער אזוי איז געווען די מעשה: זיך אריינציענדיג אין מיין נייער חתן-כלה דירה, האט מען נאטירליך אינסטאלירט א לענדליין טעלעפאן פירמע פארן פרישן פארפאלק. סעלפאנס מאן דכר שמיה, גלייב יא אדער נישט, אבער דעמאלט ווען איך האב חתונה געהאט, מיט אומגעפער זעכצן יאר צוריק, האבן חתן כלה נאכנישט געהאט קיין אייגענע סעלפאנען.

בכדי צו באקומען א טעלעפאן ליניע, איז דעמאלט געווען דער "טריק" אז מ'האט באשטעלט "ווערייזאן" אז זיי זאלן אראפקומען אינסטאלירן א ליניע. פארוואס מ'האט אזוי געטון געדענק איך נישט געגוי, מסתמא זענען זיי געווען דאס ביליגסטע און דאס שנעלסטע. נאך א חודש פלעגט מען אריבערגיין פון ווערייזאן צו איינעם פון די חסידישע טעלעפאן פירמעס וועלכע האבן גערעכנט פיל ביליגער פאר א חודשליכן פלאן ווי ווערייזאן.

אויך איך האב אזוי געטון, אבער ווען ווערייזאן האט מיך געשיקט מיין ערשטער ביל, אביסל מער ווי הונדערט פופציג דאלאר, האב איך נישט געוואוסט



# לאמיר מאכן א בודזשעט

אין א צייט פון עקאנאמישער אויפשאקלונג, הערשט אן **אויפוואכונג אין דער היימישער וועלט ארום בודזשעטינג** | היימישע בודזשעט עקספערטן אפעלירן: **"נעם קאנטראל אויף דיין לעבן!"** | היוקר יאמיר

**זלמן שפירא**

בילדער: ארכיון

# נעם קאנטראל אויף דיין לעבן!

וואס איך האב צו טון. איינער נאנט צו מיר, וואס מפני כבודו וועל איך נישט זאגן ווער, האט מיר גע'עצה'ט איך זאל זיי רופן און זאגן אז איך האב "מעדיקעיד", און וועגן דעם דארפן זיי מיר געבן א ביליגערע ראטע... יענער האט גע'טענה'ט אז ווערייזאן האט ביליגערע פלענער פאר געניסער פון סאציאלע פראגראמען.

כ'האב געפאלגט. מיט מיין חסידישע ענגליש האב איך אנגערופן ווערייזאן – דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס איך האב גערעדט מיט א פירמע – און פרובירט צו מאכן מיין ארגומענט אז פון הונדערט פופציג דאלאר דארף דער פרייז אראפגיין צו צען דאלאר. ס'האט אוודאי נישט געארבעט, א ביל איז א ביל און א טעלעפאן-פלאן איז א טעלעפאן-פלאן, און מאי דהוה הוי. "אנטשולדיגט, אבער דו מוזט עס באצאלן", האט דער קאסטומער סערוויס אגענט פון ווערייזאן גע'טענה'ט פון דער אנדערער זייט טרייבל אין עפעס וואס איך האב אויסגעטייטשט ווי ריין אנטיסעמיטיזם.

הכלל, געציילטע טעג שפעטער האב איך שוין געהאט א נייעם טעלעפאן פלאן ביי א היימישער טעלעפאן פירמע, און פון דעם ווערייזאן ביל האב איך אינגאנצן פארגעסן. פארוואס דארף איך צאלן אויב איך בין בכלל נישט זייער קליענט מער און איך האלט אז זיי האבן מיר גערעכנט שלא ביושר א פרייז וואס איך וואלט קיינמאל איינגעגאנגען דערויף? קרעדיט? קרעדיט סקאור? וואס איז דאס בכלל? אין פני יהושע האב איך עס נישט געטראפן און אויך נישט אין פרי מגדים אויף הלכות שבת, אלזא זענען די אלע ווערטער געווען ווילד פרעמד פאר מיר, און אז קיינער האט מיר נישט געזאגט דערוועגן וויאזוי האב איך געזאלט וויסן?!...

און דא האט זיך די מעשה געענדיגט. כ'האב נאך געהאט א דין חתן פאר ועמען מ'האט נאך על פי הלכה געקענט זאגן "שהשמחה במעונו", ווען כ'האב שוין באוויזן צו באגיין מיין ערשטער פינאנציעלער טעות אין לעבן און הרג'ענען מיין קרעדיט. נישט פון שלעכטסקייט, נאר פשוט פון אומוויסנדקייט, און אלעס פאר נארישע הונדערט פופציג דאלאר פון איין ווערייזאן ביל וואס איז מיר שפעטער נאכגעלאפן פאר לאנגע יארן.

דאס איז אבער נישט געווען מיין איינציגער פינאנציעלער טעות פון דעמאלט. אוי, די אומוויסנדקייט. איך געדענק נאך ווען ס'איז אנגעקומען מיין ערשטער קרעדיט קארד סטעיטמענט.

מיין גאנצע קרעדיט ליניע דעמאלט איז באשטאנען פון אן אסטראנאמישע דריי הונדערט דאלאר וואס איך האב באוויזן צו מאקסימאליזירן אין איין סווייפ. איך קוק אריין אין דעם קרעדיט קארד ביל ווי א האן אין בני אדם, און צו מיין גרויס פרייד און איבערראשונג, זע איך דארט גרויסע קידוש לבנה ווערטער אז איך דארף נישט צאלן די גאנצע. די קרעדיט קארד פירמע איז א גוטע, איך קען יוצא זיין מיטן צאלן א מינימום פעימענט פון בלויז 25 דאלאר און די רעשט וועט נאכפאלגן לכשירחיב...

געוואלדיג. כ'האב קוים געקענט גלייבן אין וואספארא מלכות של חסד מיר לעבן. איך האב אויסגעשריבן א טשעק פון פינף און צוואנציג דאלאר, און זיך געגרייט דאס אפצושיקן מיט גרויס שמחה.

אבער איין מינוט, וויאזוי צאלט מען בילס? איך האב געדענקט פון שטוב אז מ'צאלט מיט העד טשעקס... אז מ'קען שרייבן א שפעטערן דאטום איז דאך אן עבירה צו שרייבן א פריערדיגן דאטום. אומר ועושה, איך האב אויסגעשריבן דעם טשעק פאר א שפעטערדיגן דאטום און עס אזוי אפגעשיקט צו דער קרעדיט קארד פירמע. כ'האב אפילו געדענקט ארומצורינגלען מיט א פענע ארום דעם געשריבענעם דאטום, ווייל אזוי געדענק איך צו זיין דער מנהג פון דער אלטער היים, זיכער צו מאכן אז די קרעדיט קארד פירמע באמערקט אז דאס איז א העד טשעק און חלילה נישט נעמען די גאולה פאר דער צייט.

כ'שעם מיך אויסצוזאגן, אבער געננוי פיר וואכן נאך מיין חתונה האב איך שוין געהאט אנגעזעצט מיין קרעדיט... כ'בין אוודאי נישט געווען שולדיג, אבער אזוי איז געווען די מעשה. כ'האב נאך געהאט א דין חתן ווען כ'האב שוין באוויזן צו באגיין מיין ערשטער פינאנציעלער טעות

איך געדענק נאך אויף וועלכער גאס איך בין געשטאנען (דעמאלט האב איך שוין געהאט א סעלפאן), ווען די קרעדיט קארד פירמע האט מיר גערופן אז כ'האב געשריבן א בטעות'דיגן דאטום אויפן טשעק און זיי וועלן עס דעפאזיטן סייווי ווייל אזוי איז דאס געזעץ. אוי בין איך געווען צעמישט, ווייל פון וואו זאל איך וויסן אז העד-טשעקס איז חסידישע מעשיות און עפעס וואס איז ניטאמאל לעגאל? הערשט שפעטער בין איך געוואויר געווארן אז דער גאנצער האנדל וואנדל פון העד-טשעקס איז א היימישע זאך, און אפילו דער טערמין "העד-טשעקס" איז היימיש אויסגעטראפן, און אין דער פינאנציעלער וועלט ווערן אזעלכע טשעקס גערופן post dated checks.

ווען מיין צווייטער קרעדיט קארד סטעיטמענט איז אנגעקומען, האט מיך אפגעווארט א פרישע לעקציע. איך בין געוואויר געווארן אז די באנק איז נישט אזא גוטע און קיינער בארגט נישט געלט אומזיסט, נאר פאר יעדן דאלאר וואס איך צאל נישט צוריק ביז דרייסיג טעג, וועל איך דארפן צאלן געבראטענע צינזן פון 24% (פון 0% APR האב איך אוודאי נישט געוואוסט, ב"ה פאר דעם).

איך בין געווען אזוי אנטריסטעט און אנטוישט פון מיין נאאיווקייט, אז יענעם טאג האב איך צעשפאלטן דעם קרעדיט קארטל אין צווייען און פארמאכט די קאנטע, און ס'האט מיר גענומען ביז צען יאר דערויף אז איך זאל פון פריש נאכאמאל עפענען א קרעדיט קארטל.

היינט בין איך שוין עלטער און איך ווייס שוין בעסער. אויך מיין קרעדיט האב איך איין טאג געגעבן פאר א פראפעסיאנאלער פירמע צו פאררעכטן, און וואונדער איבער וואונדער, פאר א פאר נישטיגע צענט איז יענער "ווערייזאן ביל" מיסטעריעז פארשוואונדן געווארן פון מיין רעקארד. כ'ווייס אבער אויך אז ס'איז געווען א שאד אז איך האב זיך געדארפט לערנען דעם שווערן וועג און א מינוט שפעט ווי איידער א מינוט פריער.

מיינט איר אז איך בין געווען א נאאיווער בחור? אויסדרוקליך נישט! אבער אז מ'לערנט נישט ווייסט מען נישט, און אזויפיל זאכן איבער פינאנצן האט מיר גענומען יארן לאנג צו כאפן.

די נושא פון קרעדיט און קרעדיט קארטלעך איז בלויז א פרט, דערנאך זענען דא אזויפיל אנדערע לעקציעס וואס הלואי וואלט איך עס געלערנט פריער. צי איז דאס די וויכטיגקייט פון אוועקלייגן געלט, די וויכטיגקייט פון בויען א גוטן קרעדיט און א נאמען, די וויכטיגקייט פון שטיין ווייט פון פראגראמען וואס האלטן דיר פארכאפט אין קייטן, די וויכטיגקייט פון פשוט וועלן מאכן געלט, ווייל אויף געלט שטייט די וועלט און דער אויבערשטער וויל אז א איד זאל מאכן געלט און קענען טון דערמיט גוטע זאכן, ועל כולם די וויכטיגקייט פון לעבן מיט א בודזשעט און איינפאך צוזאמרעכענען איינס מיט איינס אויף א ספרעד-שיט, צו כאפן וואו מ'שטייט אויף דער וועלט, וויבאלד אן האלטן קאפ אויף די פינאנצן, איז כמעט נישט מעגליך צו לעבן אחריות'דיג און אויסגערעכנט.

כדי צו בארירן די ברענענדיגע נושא, האבן מיר געווידמעט אונזער היינטיגער ארטיקל דורכצורעדן די זאך מיט עקספערטן, צו ברענגען אויפמערקזאמקייט צו דער אזוי וויכטיגער טעמע פון "בודזשעטינג", וואס איז נוגע יעדן איינעם, פרישע יונגעלייט ווי עלטערע.

אויב איז "לעבן מיט א בודזשעט" אלעמאל וויכטיג, ווי קריטישער איז עס אין אזא צייט ווי די יעצטיגע עפאכע, ווען היוקר יאמיר איז א פשוטע מציאות וואס מען באגעגנט יעדן טאג אין גראסערי. אפילו גוטע פארדינער מוטשען

אויב איז "לעבן מיט א בודזשעט" אלעמאל וויכטיג, ווי קריטישער איז עס אין אזא צייט ווי די יעצטיגע עפאכע, ווען היוקר יאמיר איז א פשוטע מציאות וואס מען באגעגנט יעדן טאג אין גראסערי

זיך איבערצוקומען דעם חודש צוליב די ארויפגעשרויפטע פרייזן, און אזויפיל אחינו בני ישראל מוטשען זיך מיט פרנסה ווען דער גאנצער ריעל עסטעיט און קאנסטרוקציע מארקעט שאקלט זיך צוליב די עקסטרעם הויכע אינטערעסט ראטעס וואס ערלויבן נישט ארויסצונעמען קיין מארטגעדזשעס.

די וועלט האט א טעות איבער דעם איינפאכן אפטייטש פון 'רייך' און 'ארעם'. רייך איז נישט ווער ס'מאכט אסאך, און ארעם איז נישט דער וואס מאכט ווייניג. 'רייך' איז דער 'חילוק' פון וויפיל דו מאכסט ביז וויפיל דו לייגסט אוועק.

אז איינער מאכט א האלבן מיליאן דאלאר א יאר און ער שפענדט זעקס הונדערט טויזנט דאלאר א יאר, דאן אין איין יאר איז ער א בעל חוב פון הונדערט טויזנט דאלאר, און ביז צען יאר איז ער א בעל חוב פון א מיליאן דאלאר. אז איינער מאכט דריי הונדערט טויזנט דאלאר א יאר און לייגט אוועק הונדערט טויזנט דאלאר, דאן פארמאגט ער אין איין יאר הונדערט טויזנט דאלאר, און ביז צען יאר, אויב האט ער עס גוט אינוועסטירט, זיצט ער מיט צוויי דריי מיליאן דאלאר.

דער סוד פון גליק באהאלט זיך אין איין ווארט: "בודזשעטינג". דאס הייסט, לעבן מיט א בודזשעט און מיט פינאנציעלע אחריות און אויסגערעכנטקייט. דאס, און נאר דאס, איז דער שליסל צו זיין סוקסעספול און רייך, און לעבן א נארמאלע און באקוועמע לעבן. טאמער לעבסטו א לעבן וואס וויפיל דו לייזסט אזויפיל שפענדסטו, דעמאלט ביסטו זייער שנעל אין א לאך.

איינמאל מען הויבט אן זיך בודזשעטן און נאכפאלגן וואו דאס געלט גייט און וואס אלץ קאסט, הויבט מען אן לעבן אין רעאליטעט. דו ווערסט געוואויר מיטאמאל וויפיל דיין לעבן קאסט דיר א חודש, וויפיל געלט דו שפענדסט פאר עסן, וויפיל פראצענט פון דיינע הוצאות זענען אומפארמיידבארע הוצאות, און וויפיל זענען אומנויטיגע הוצאות וואס מ'קען שניידן אא"וו.

נאך איידער סיי וועלכע טוישונגען – בלויז דער פאקט אליין אז מ'ווערט באוואוסטזיניג צום געשפענדעטן דאלאר און צום סך הכל ציפער וויפיל דאס באטרעפט יעדן סוף חודש – דאס אליין איז שוין א האלבע ישועה. עס ארבעט ממש אויטאמאטיש, איינמאל מען ווערט "מאני קאנטשעס" (-געלט באוואוסטזיניג), הויבט מען פון זיך אליין אן צו שפענדן ווייניגער.

## אויפמערקזאמקייט איז א שליסל

איינער פון די סאמע יסודות'דיגסטע גרייזן וואס מענטשן מאכן ווען עס קומט צו בודזשעטינג, איז ווען זיי מיינען אז לעבן מיט א בודזשעט מיינט "איינטיילן" פאר דער פרוי קויף יא, קויף נישט, און נאכקוקן יעדן דאלאר וואו עס גייט. דאס איז בפירוש נישט ריכטיג! בודזשעטינג האט גארנישט מיט איינטיילן, ערוואקסענע מענטשן מיט א געזונטן שלום בית קענען זיך געטרויען אליין צו פאסן באשלוסן. דער ערשטער שטאפל פון בודזשעטינג איז זייער פשוט: זיי דאהי! זיי באוואוסטזיניג, זיי וואך און אויף ביחס צו דיין בערזל און לעב נישט אין לאלא-לאנד.

צו פאקוסירן אויף די פשוטע ציפערן און נאכפאלגן וויפיל זאכן קאסטן און וויפיל געלט עס ווערט אויסגעגעבן, העלפט אויך אז דער מענטש זאל זיך אנהויבן פרעגן די ריכטיגע שאלות. א מענטש האט אמאל א פארלעגנהייט, צי געב איך אויס צופיל אויף עסן אדער אפשר שפענד איך גאר צו ווייניג אויף גראסערי? ער האט נישט קיין אנונג.

ווילאנג ער האט נישט קיין גענויען נומער אין דער האנט וויפיל גראסערי קאסט אים א חודש, איז נישטא קיין שום וועג וויאזוי ער זאל קענען אדרעסירן די שאלה. איינמאל ער קומט אויף מיט א סכום, למשל אז גראסערי קאסט אים 600 דאלאר א וואך, קען ער זיך אנהויבן פרעגן, איז דאס נארמאל פאר א משפחה מיט כך וכך קינדער? פון דארט קען ער גיין

# האב אויערן און אויגן

וויטער שטאפלוויז; איינמאל ער קומט אויף למשל אז ער גיבט אויס צופיל, קען ער זוכן וועגן וויאזוי אנצוהויבן שניידן די קאסטן.

לעבן מיט א בודזשעט מיינט אויך נישט אז א מענטש דארף טון עקסטרעמע שריט. עס מיינט בכלל נישט אז פון יעצט און ווייטער עסט מען טרוקענע לאקשן פאר נאכטמאל. עס זענען דא זייער פשוטע זאכן וואס א מענטש קען טון צו שניידן הוצאות, אנגעהויבן מיט באזייטיגן די טייערסטע אומנויטיגע לוקסוריעזע פראדוקטן, ביז פשוט טוישן גראסערי און איינקויפן אין א סופערמארקעט מיט בעסערע פרייזן.

## קליינע פרוטות, גרויסע חובות

כמעט יעדער זיניגער מענטש פארשטייט די וויכטיגקייט פון לעבן מיט אחריות און א בודזשעט. מ'דארף זיין אן עקסטרעם לייכטזיניגער אדער נארישער מענטש נישט ארויסצוהאבן דאס חשיבות פון אוועקלייגן געלט פאר אן אינוועסטירונג, פאר א פארוואלקנטן טאג, צו קויפן הויז, צו חתונה מאכן די קינדער או"ו.

דאך איז דאס מציאות הדברים, אז מענטשן טרעפן זיך שפענדן אויף איבערגעטריבענע און אומנויטיגע אויסגאבן, און ווייניג מענטשן עספיען אוועקצולייגן גענוג א באדייטנדע סומע געלט ממש מדי חודש מחודשו. די שאלה איז, פארוואס?

אן אינטערעסאנטער סטאטיסטיק ציגט, אז א געווענליכע פאמיליע מיט עטליכע קינדער וועט שפענדן ביז טויזנט(!) דאלאר א חודש אויף זייטיגע און נישט וויכטיגע אויסגאבן פאר דער בלויזער איינער סיבה, ווייל מען באטראכט עס ווי קליינליכע הוצאות, א צענער דא, א צוואנציגער דא, און מען טראכט נישט אדער מען זעט נישט פאר די אויגן דעם סך הכל וויפיל דאס וועט צוזאמען באטרעפן סוף חודש.

דאס איז ווען מ'רעדט פון סתם א פאמיליע. דערנאך איז דא א באזונדערע "קרענק" וואס מאכט זיך ביי אזעלכע וואס זענען דייקא שענערע פארדינער.

שרייבנדיג דעם ארטיקל, האב איך גערעדט מיט דעם פירער פון א חשובער ארגאניזאציע וועלכע גיבט זיך אפ מיט שטעלן יונגעלייט אויף די פיס, און ער

אז איינער מאכט א האלבן מיליאן דאלאר א יאר און ער שפענדט זעקס הונדערט טויזנט דאלאר א יאר, דאן אין איין יאר איז ער א בעל חוב פון הונדערט טויזנט דאלאר, און ביז צען יאר איז ער א בעל חוב פון א מיליאן דאלאר

האט אונז דערציילט: מיר האבן געהאנדלט מיט א יונגערמאן וואס פארדינט זעקס הונדערט טויזנט דאלאר א יאר, און דאך האט ער זיך געמוטשעט מיט 350 אלפים אין חובות אויף קרעדיט קארטלעך. דער ציל פון דער זיצונג איז געווען, פשוט צו מאכן סענס פון דער געשיכטע, פון וואו קומען די חובות? און זען וואס מ'קען טון צו העלפן דעם יונגערמאן.

האט זיך אויסגעשטעלט אן אינטערעסאנטע זאך: דער יונגערמאן האט גארנישט געטון אז מ'זאל קענען זאגן אז ער שפענדט אויף 'טויט משוגע', אבער ער האט יא געשפענדעט אויף 'אביסל משוגע', און דאס האט געברענגט די לאך. גריבלענדיג טיפער, איז מען ארויפגעקומען אז דער יונגערמאן האט געהאט איין קליינעם טעות – ער האט פשוט געהאט א קריזיס אין זיין אייגענע אידענטיטעט.

דער מענטש האט זיך באטראכט ווי א גביר, ווייל ער פארדינט דאך איבער א האלבן מיליאן דאלאר א יאר, און א גביר קען זיך ערלויבן. אז ער איז א נגידישער יונגערמאן, קען ער זיך דען נישט ערלויבן א שבת נחמו קידוש פאר די גאנצע קאנטרי? זיכער קען ער! קען ער זיך נישט לאזן קאסטן א וואקאציע פאר זיך און די ב"ב פאר דרייסיג אלפים? זיכער קען ער – ער לייזט דאך א פופציגער יעדן חודש. קען ער נישט מאכן א הכנסת ספר תורה פאר מאה וחמישים? זיכער קען ער, ער איז דאך א גביר. קען ער נישט שפענדן פאר א מפטיר יונה און א חתן בראשית מיט א קידוש? זיכער אז יא.

דער פראבלעם איז אבער געווען, אז ער האט זיך נישט געקענט ערלויבן 'אלעס'. מיר האבן געמוזט אויפקלערן דעם יונגערמאן, אז אפילו א גביר קען זיך טאקע ערלויבן אסאך, אבער ער קען נישט האבן אלעס, ווייל קיינער קען נישט באקומען אלעס.

קיין נאר איז ער נישט געווען, און צום ערשטן מאל האט רעאליטעט אנגעהויבן פראסקענען אין פנים און שטימען מיט די עכטע נומערן. ער האט געמוזט אנהויבן שטעלן פריאריטעטן וואס איז יא וויכטיג און וואס איז נישט וויכטיג, ווייל אפילו ער אלס 'גביר', מוז אויך האבן באגרעניצונגען. דער וואס וויל 'אלעס' וועט זייער שנעל אנקומען אין חובות נישט קיין חילוק וויפיל געלט ער מאכט.

## ווער דארף הילף?

לויט בודזשעט עקספערטן, ווערט דאס היימישע באפעלקערונג צעטיילט אין פיר שיכטן.

1. דער עושר וואס מאכט אסאך געלט. אזא מענטש זאל טון וויאזוי ער פארשטייט, ווייל אויב דעקט ער זיך איז דאך פשט אז ער האט גענוג און ער ווייסט וויאזוי צו באלאנסירן זיין לעבן.

2. דער בן תורה, כולל יונגערמאן, מלמד, תורתו אומנתו איד וכדו'. אין זייער אסאך פעלער דארפן זיי די וויניגסטע הילף. בדרך כלל, אז איינער האט אויסגעוועלט אזא לעבן און ער וויל עס טון מרצונו הטוב, ווייסט ער אז ער שטעלט זיך אויס צו פארדינען פערציג אלפים א יאר, און זיין לעבן איז מתחילה אויסגעשטעלט אז ס'זאל אים נישט קאסטן מער ווי פערציג אלפים א יאר.

ביי די סארט אידן איז לעבן מיט א בודזשעט ווי א צווייטע נאטור, ווייל סיי וועלכע הוצאה וואס איז נישט אויסנאם וויכטיג, איז ניטאמאל עולה על הדעת. און אגב, אסאך מאל זעט מען אז דייקא די מלמדים און כלי קודש וועלכע האבן כלומר'שט א מינימאלער איינקונפט, לייגן זיך אוועק א ניקל אויף א דאלאר און קויפן זיך דירות, מאכן חתונה די קינדער אן שנאר, און צומאל העלפן זיי אפילו די קינדער קויפן א דירה. וויאזוי איז דאס מעגליך? ווייל ער האט אויסגעשטעלט זיין לעבן אז עס זאל אים קאסטן די מינימום וואס מעגליך, און יעדע איבריגע דאלאר ווערט באלד אוועקגעלייגט אין גמ"ח אריין, אין דער צייט וואס דער באלעבאטישער יונגערמאן, אויב האט ער פארדינט אן איבריגע צען טויזנט דאלאר, מיינט דאס עס אז ער קען שוין ארויפפאקן אויפן קרעדיט קארטל נאך צען טויזנט דאלאר...

3. דער דריטער סארט מענטש איז דער וואס פארדינט הונדערט פופציג אלפים א יאר, און ער וויל שפענדן דריי הונדערט א יאר. א חתן בראשית קידוש ביי אים איז א מוז. א שווארצן עסקעלעיד איז א מוז. קאנטרי פאר צוואנציג אלפים איז א מוז. אזוי האט ער אן ענדלאזע ליסטע פון זאכן וואס זענען א מוז. אים קען מען אויך נישט העלפן, ווייל ער לעבט אין אן אילוזיע.

4. דער פערטער סארט מענטש איז איינער וואס פארדינט גענוג אז ער זאל זיך קענען דעקן, און ס'פעלט אים פשוט אינפארמאציע, ער כאפט זיך פשוט נישט אז ער לעבט נישט נארמאל. אים קען מען העלפן אויב ברענגט מען אריין אין זיין לעבן א טראפקעלע וואכזאמקייט און אויפמערקזאמקייט.

## בודזשעט היכי דמי

"זיי באקאנט מיט די נומערן" – איז דער ערשטער און וויכטיגסטער יסוד וואס עקספערטן ווען אנצייגן פאר א יונגערמאן וואס וויל אנהויבן לעבן מיט א געזונטערן בודזשעט. ווילאנג דו ווייסט נישט וואו ס'איז די לאך אין דער שיף, וויאזוי פלאנסטו בכלל צו פארשטאפן די לאך?"

איינמאל א מענטש קען זיינע נומערן, ער ווייסט וואס קאסט אים און וויפיל עס קאסט אים, קען ער אנהויבן שאצן ווי גרויס זיין פראבלעם איז, און וויפיל ער דארף שניידן.

די ערשטע שטיק צייט וואס א מענטש נעמט זיך אין דער האנט אריין, איז נישט די עצה צו אימפלעמענטירן ריזיגע שינויים, נאר ליבערשט זאל ער נעמען קליינע טריט אויף אמאל. וויכטיגער פון אלעם איז פשוט צו לעבן דערמיט פאר א שטיק צייט. לייג דאס ווארט "בודזשעט" אויפן אויבנאן פון דיין סדר היום, האלט עס פאר די אויגן און פריש אין דיינע געדאנקען, וועסטו זען ווי זייער אסאך זאכן וועלן אליין פאלן אין פלאץ.

"מענטשן זענען זייער קלוג און זייער אפט האבן זיי אליין די עצות", הערן מיר פון זאך קענער. עס דארף דעם יונגערמאן קיינער נישט זאגן וואו צו שניידן, ווייל ער קען עס אליין טרעפן אויב זאל ער נאר גענוג שטארק וועלן. איינמאל ער וויל שניידן פון זיינע הוצאות, וועט ער שוין טרעפן וואו צו שניידן. איינמאל ער וויל אוועקלייגן געלט, וועט ער שוין טרעפן דאס געלט אוועקצולייגן.

אויף געוויסע הוצאות וועט דער מענטש טענה'ן אז ער ווייסט נישט וויפיל עס קאסט אים. למשל ווען עס קומט א תשרי און דער מענטש ווייסט נישט וויפיל גייט אים דער חודש קאסטן אין גראסארי. אדער ס'קומט א קאנטרי סעזאן און דער מענטש ווייסט נישט ביי וועלכער סומע דאס גייט זיך ענדיגן.

**דער סוד פון גליק באהאלט זיך אין איין ווארט: "בודזשעטינג". דאס הייסט, לעבן מיט א בודזשעט און מיט פינאנציעלע אחריות און אויסגערעכנטקייט. דאס, און נאר דאס, איז דער שליסל צו זיין סוקסעספול און רייך, און לעבן א נארמאלע און באקוועמע לעבן**

מענטשן נוצן דאס ווי אן אויסרייד צו אנטלויפן פון בודזשעטינג, ווייל פון זייער קוקווינקל איז עס ממילא אומפאראויסשאצבאר (unpredictable). דאס איז אבער א טעות, און יעדע הוצאה קען מען טוישן פון אומשאצבאר צו שאצבאר. "אפילו א תשרי אדער א קאנטרי סעזאן, זענען שפענדונגען וואס מען דארף קענען אנכאפן, מ'דארף עס קענען געבן א נומער. אמאל האט מען נישט דעם פונקטליכן נומער, מען דארף אבער קענען אויפקומען מיט א ביילייפיגן ציפער און זיך פרובירן צו האלטן דערצו".

אויף דער פראגע וויאזוי פאלגט מען נאך יעדע איינציגע הוצאה טאג טעגליך, זענען היינט שוין דא גוטע קאמפיוטער פראגראמען און אפליקאציעס געאייגנט דערפאר, וועלכע זענען דירעקט פארבינדן מיט די באנק קאנטעס און קרעדיט קארטלעך, אזוי אז א גרויסער פראצענט פון דער ארבעט קען געטון ווערן כמעט אויטאמאטיש, ווילאנג דער מענטש האט זיך איינמאל גוט מסדר געווען און ער באגלייט עס כסדר מיט א וואכזאם אויג.

## עס קען ציפן

אז ס'איז א גוטע זאך, מיינט נאכנישט אז ס'איז א גרינגע זאך. "די ערשטע צייטן וועט עס זיין זייער פיינפול", איז דער ענטפער צו דער פראגע "וואס זענען די שוועריקייטן ווען עס קומט צו אנהויבן לעבן מיט א בודזשעט?".

פארוואס? "ווייל דער אמת טוט וויי. ביז יעצט האט מען זיך ארייגעלייגט דעם קאפ אין זאמד, און יעצט הויבט אן דאס מציאות פאטשן אין פנים אריין, און די קלעפ קענען זייער וויי טון. מען הייבט אן זען אז דו ביסט גאר הונטערשטעליג יעדן חודש מיט א טויזנטער, און דיין איינקונפט קלעקט נישט; דו זעסט וואו דו האסט פארטאכלעוועט חודשליך הונדערטער דאלארן וואס דו האסט זיך ניטאמאל געקענט ערלויבן, און דאס קען זיין זייער א ביטערן טאבלעט אראפצושלינגען".

וואס עס איז וויכטיג צוצולייגן איז, נישט צו ערווארטן אז אלעס וועט זיך טוישן פון איין מינוט צו דער צווייטער. "ווען א מענטש הויבט אן לעבן מיט א

בודזשעט, קען ער זיך אנהויב איינרעדן אז אלעס וועט ווערן פערפעקט אין איין מינוט, און פון יעצט און ווייטער וועט זיין פינאנציעלע לעבן קלאפן ווי א זייגער, ס'גייט אבער נישט אזוי. דאס מציאות איז, אז זאכן נעמען צייט, און טויש איז שווער און צומאל ווייטאגליך. דער וואס ערווארט באלדיגע און שנעלע רעזולטאטן, וועט זייער שנעל ארויספאלן און צוריקגיין צו זיין פריערדיגן לעבנסשטייגער, ווייל גארנישט געשעט נישט איבערנאכט".

## וואס זאגט דער בודזשעט עקספערט

"האבן אויערן" – זאגט אונז א בארימטער היימישער פינאנציעלער עקספערט אלס אן ענטפער אויף אונזער פראגע, "וואס וואלט געווען די ערשטע און וויכטיגסטע ראט וואס איר קענט זאגן פאר א יונגערמאן וואס שטייט ביי דער שוועל פון אנהויבן לעבן מיט א בודזשעט?"

פון ערפארונג איז דער פראבלעם פון אן אומאויסגעהאלטענער פינאנציעלער לעבנס ווירטשאפט, נישט אלעמאל ריין עקאנאמיש. גאנץ אפט האט עס צוטון מיט דער פערזענליכקייט פון דעם מענטש און זיין עגא. א מענטש דארף זיין גרייט צו הערן וואס יענער האט צו זאגן, ווייל טאמער נישט, פארברענגט מען סתם צייט. "דיין אקאונטענט, דער בודזשעטינג עקספערט, צי צומאל סתם א גוטער חבר אדער אפילו דיין אייגענע ווייב, זאגן דיר אז דו דארפסט מאכן טוישונגען, און באלד ביסטו נישטא מער, דו פליסט אוועק – אזא מענטש איז זייער שווער צו העלפן".

אן אפטער טעות וואס מען זעט ביי היימישע יונגעלייט וואס טרעפן זיך אין פינאנציעלע שוועריקייטן, איז אז זיי זענען נישט יורד צום עומק פונעם פראבלעם. אין אנדערע ווערטער: ער איז נישט דא זיך צו 'העלפן', ער איז דא פאר א 'בעילאוט'. ער איז נישט דא איינצושטעלן טיפע שניטן אין זיין בודזשעט און אימפלעמענטירן פיינפולע טוישונגען אין זיין לעבנס-סטיל, נאר ער איז דא פאר "א וועג ארויס". האסטו פאר מיר א וועג ארויס איז גוט, און אז נישט, דאן אנטשולדיגט אז מיר האבן זיך געטראפן.

איין ביישפיל פון אן אפטן געשפרעך מיט א יונגערמאן וואס דארף בודזשעטינג הילף אבער כאפט נאכנישט אז ער דארף הילף: "האלא, זאג נאר, כ'האב הונדערט פופציג טויזנט דאלאר אין קרעדיט קארד חובות, האסט א וועג וויאזוי פטור צו ווערן דערפון?" ווען ער הערט די ווערטער ווייסט ער באלד אז דער שמועס פארט אין דער נישט גוטער ריכטונג.

דער יונגערמאן מיינט אז ער האט א פראבלעם מיט זיין קרעדיט, ער דארף פשוט "פטור ווערן" פון א לאון, אדער אפשר דארף ער פארהאנדלען מיט דער קרעדיט קארד פירמע. ער כאפט נישט אז זיין פראבלעם איז פיל גרעסער און טיפער, די טענה איז אויפן בעל עגלה וויאזוי ביסטו בכלל אנגעקומען אין דער בלאטע אריין.

דער וואס מיינט אז ער דארף פשוט "פטור" ווערן פון זיין קרעדיט קארד ביל, כאפט נישט אז לו יצוייר ס'וועט געשען א נס און ער וועט טאקע פטור ווערן פון דעם חוב. ביז דריי חדשים האלט ער ביי אלף און ער טרעפט זיך נאכאמאל ביים זעלבן פלאץ מיט הונדערט פופציג אלפים אויפן קרעדיט קארטל...

## זעקס שטאפלען צו פינאנציעלע אחריות

לויטן פינאנציעלן עקספערט, אויב דארף מען עס איבערגעבן על רגל אחת, זעט ער דאס ארויסקריכן פון חובות און אנהויבן לעבן אויף א בודזשעט ווי א זעקס שטאפלדיגע פראצעדור.

**1. האב אויערן און אויגן.** זיי אפן צו הערן, און זיי גרייט פאר טוישונגען. אויב ביסטו שטעקן אין דיין סטאטוס קווא, וועט זיך גארנישט טוישן, כמאמר החכם אז דער באדייט פון טפשות איז צו טון דאס זעלביגע ווי ביז יעצט און ערווארטן אנדערע רעזולטאטן. ווידער אז דו ביסט אפן פאר נייע געדאנקען אין דיין קאפ און נייע סיסטעמען פאר דיין לעבן, וועסטו זיך קענען העלפן בעז"ה.

אין דעם גייט אויך אריין די היימארבעט פון פשוט קענען די נומערן, זיך עפענען די אויגן און זיך פשוט אומקוקן, וויסן וויפיל קאסט מיר דאס לעבן, וויפיל פארדין איך און וואס געניו זענען מיינע הוצאות און הכנסות.

**2.טרעף א שטאָפּער פאר דער לאך.**

די ערשטע זאך איז טרעפן די לעכער. איינמאל דו קענסט די נומערן, קענסטו זען וואו דיינע לעכערס זענען.

אויב גראסערי קאסט צופיל, גיי טרעף א וועג צו שניידן. מ'רעדט נאכנישט פון פאקטיש טון, קודם קום אויף מיט א מהלך אין טעאריע: וואו קען איך שניידן און וואס קען איך שניידן? וואס זענען מיינע איבריגע הוצאות און וואס זענען מיינע וויכטיגע הוצאות? וואו קען איך פארגרעסערן איינקונפט און וואו קען איך פארמיידן איבריגע אויסגאבן? – שטעל אויס א קלארע מאפע פון דיין פינאנציעלע לעבן.

וויכטיג איז, אז דיינע פלענער זאלן זיין ברייט אז עס זאל אלעס דעקן. שפרייט עס אויס איבער אלע תחומים פון דיין לעבן, און זיי געווארנט פון די "בליינד ספּאַטס" וואו א מענטש כאפט זיך נישט אז ער שפענדעט דארט.

"א חשבון איז נישט גענוג", שטרייכט דער עקספערט אונטער. ס'איז טאקע דער ערשטער און וויכטיגסטער שטאפל, אבער עס ענדיגט זיך נישט ביי דעם. ער האט שוין צופיל מאל געזען ווי א פארפאלק שפאצירט אריין צו אים אין אפיס מיט א פונקטליכן עקסעל-שיט, זיי וויסן יעדן דאלאר פון לעצטן חודש וואו ס'איז געגאנגען ווי ס'וואלט געווען מיסטער אקאונטענט אליין.

דאס איז גוט פאר אן ערשטן שטאפל, אבער יעצט הויבט זיך אן די עיקר ארבעט: איינס, צו זיין ווילינג צו מאכן טוישונגען און פארשטאפן לעכער, און מאן און ווייב זאלן ביידע זיין אויף איין בלעטל; צוויי, צו טרעפן דעם וועג וויאזוי עס איינצופעדעמען אין לעבן. אויב קען מען אליין, מה טוב ומה נעים, אז נישט דארף מען טאקע צוקומען צו דעם פראפעסיאנאלן ראט פון א בודזשעטינג מומחה אדער סיי וועלכן פינאנציעלן עקספערט.

**3. נעם קאנטראל אויף דיין לעבן.**

אז די מאפע איז קלאר און דו ווייסט שוין וואו דו דארפסט צילן, איז יעצט געקומען די צייט פון לא המדרש העיקר אלא המעשה – טו עס! דאס וועט געווענליך נעמען אפאר חדשים, אבער דער מענטש מוז זיך אליין איבערצייגן אז ער קען טאקע דערגרייכן דארט וואו ער האט זיך געשטעלט פאר א ציל. אויב ביסטו געקומען צו דער החלטה אז גראסערי מעג דיך קאסטן פינף הונדערט דאלאר א וואך און קיין פעני מער, גיי טו עס.

**4. מאך עס בעסער.**

קיינער האט נישט אלע ענטפערס אויף דער ערשטער מינוט. דא דארף מען טוישן און דארט דארף מען טוישן. דא האב איך צופיל געשניטן און דארט האב איך צו ווייניג געשניטן.

טויש ווילאנג דו מאכסט "בעסער"; טויש ווילאנג דו בלייבסט אמת'דיג מיט דיר אליין אז דו פארסט אין ריכטונג פון דיין ציל – צו לעבן א לעבן וואס דו קענסט זיך ערלויבן.

**5. מאך פריילעך.**

ס'איז זייער שווער צו טון א זאך פארן לאנגן טערמין ווען דער מענטש איז נישט ענטוזיאסטיש און פריילעך דערצו, און ער האט נישט קיין שטופ דערפאר. דרייען חובות פון קרעדיט קארד צו קרעדיט קארד איז א צעבראכענע און טרויעריגע לעבן, ווייל דו ביסט אלעמאל אין א נעפל. לעבן מיט אחריות דארף פארוואנדלט ווערן אין א פריילעך און צופרידן לעבן.

ווען א מענטש הויבט אן לעבן מיט דעם געדאנק אז ער איז אין קאנטראל, ער וועט זיין דער ספאנסאר פון זיין זון'ס בר מצוה, נישט אמעריקען עקספרעס, ווערט ער אנגעפולט מיט סיפוק און באפרידיגונג, און עס מאכט אים שפאנען ווייטער אין וועג פון פינאנציעלער וואכזאמקייט.

מאך דיך א ציל! כ'וויל אוועקלייגן געלט פאר מיין זון'ס בר מצוה; פאר א שיינער וואקאציע; צו קויפן א הויז אא"וו. ווען דו נעמסט זיך א גראנדיעזער און ענטוזיאסטישער ציל, פילסטו ווי דו מוטשעסט זיך נישט פאר גארנישט, און עס ערווארט דיר א מתנה ביים סוף פון דער רייזע.

**6. אויס קרבן!**

דער זעקסטער שטאפל איז מער אן אויטאמאטישער רעזולטאט ווי איידער עפעס וואס דו דארפסט טון. דאס איז: ווערן אויס קרבן! ווילאנג דיין קינד קען זיך "נעבעך" נישט קויפן פאר חנוכה דאס וואס ער האט זיך אויסגע'חלומ'ט צו באקומען פונעם טייערן שפילצייג קאטאלאג, איז ער א קרבן; איינמאל דיין מהלך אין שטוב ווערט געטוישט, אז דא לעבט מען געזונט און אויסגעהאלטן, פאלט אויטאמאטיש אוועק דעם רייץ פאר איבריגע אויסגאבן, און זיכער אינטערעסירט מער נישט וואס די גאס זאגט, ווייל דער גאנצער אטמאספער אין שטוב ווערט געטוישט, און יעדער ווערט איינגעשלאסן אין דער מיסיע צו מאכן בלויז עקאנאמיש אויסגעהאלטענע באשלוסן.

## ס'איז אין דיין האנט

עס איז קלאר אז מיר האבן נאכנישט אלע ענטפערס, ווייל ווען מ'רעדט פון בודזשעטינג איז דער כלל אז נישט אלעס וואס ארבעט פאר איינעם ארבעט פארן צווייטן, און אין זייער אסאך פעלער פאדערט זיך א באזונדערן און אינדיווידואליסטישן פלאן באגלייט דורך א מומחה, געאייגנט לויט יענעמ'ס פינאנציעלער צושטאנד. אזויפיל איז אבער קלאר, אז דער עלעפאנט אין צימער איז שוין צו גרויס און מאנסטעריש אז מ'זאל דאס ווייטער קענען איגנארירן.

וואס איז דאס וויכטיגסטע, איז צו באזייטיגן דעם ענדלאזן שערי תירוצים. צו שרייען פאר ווער ס'איז נאר גרייט אויסצוהערן און פארלאנגען, איין זאך ביטע: נעם קאנטראל!

דו קאנטראליר דיין לעבן, און לאז נישט דיינע אומפולסיווע איינקויף געוואוינהייטן דיך קאנטראלירן, ווייל דאס איז א רעדל וואס פירט צו עניות און חובות.

ווען א מענטש זאגט אז פרייזן זענען טייער און וועגן דעם לעב איך אן קיין בודזשעט, איז פשט אז דער מענטש האט אראפגעווארפן פון זיך דאס אחריות. ער איז נישט שולדיג, יענער איז שולדיג. ער איז נישט אין קאנטראל ווייל דער דיסטריביוטער פון די גראסערי פראדוקטן איז שולדיג, ווייל ער האט אפגעמאכט צו בעטן טייער. יעצט מוז איך שוין גארנישט טון. ער איז אין א געוויסן סארט יאוש אז איך קען סייווי נישט און ממילא דארף איך גארנישט טון.

ווען א מענטש לעבט מיט אזא סארט מענטאליטעט, איז זייער שווער אז ער זאל זיך קענען העלפן, צוליב וואס יעדער סארט מעסעדזש ארום בודזשעטינג וועט ער דערשטיקן ווייל ס'האט דאך גארנישט מיט אים.

ווען דער מענטש זאגט דעם אור אלטן "אם אין אני לי מי לי", בודזשעטינג איז נישט קיין זאך וואס פארלאנגט זיך "מי יעלה לנו השמימה", ס'איז עפעס וואס איז אין מיין האנט, און טאקע נאר אין מיין האנט – דעמאלט קען ער זיך שטעלן אויף צוויי געזונטע פיס בס"ד. ■

**טרעף א שטאפער פאר דער לאך**

**אן אפטער טעות וואס מען זעט ביי היימישע יונגעלייט וואס טרעפן זיך אין פינאנציעלע שוועריקייטן, איז אז זיי זענען נישט יורד צום עומק פונעם פראבלעם. אין אנדערע ווערטער: ער איז נישט דא זיך צו 'העלפן', ער איז דא פאר א 'בעילאוט'**

**ווען דער מענטש זאגט דעם אור אלטן "אם אין אני לי מי לי", בודזשעטינג איז נישט קיין זאך וואס פארלאנגט זיך "מי יעלה לנו השמימה", ס'איז עפעס וואס איז אין מיין האנט, און טאקע נאר אין מיין האנט — דעמאלט קען ער זיך שטעלן אויף צוויי געזונטע פיס בס"ד**